**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/27/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול, סעקרעטאר פאדזש, סענאטאר שומער און קאנגרעסמאן באומען אנאנסירן די גוטהייסונג פון הלוואה ווידער-פינאנצירן אויסצוהאלטן האָוזינג קוואליטעט און צוגענגליכקייט פאר קאָ-אַפּ סיטי**

***סטעיט און ארטיגע רעגירונגען שטיצן דאס ווידער-פינאנצירן אויף תיכף צוצושטעלן אן איינשפריץ פון 124 מיליאן דאלער צו מאכן פארריכטונגען און אָפּגרעידס פאר 45,000 קאָ-אַפּ סיטי איינוואוינער***

***ווידער-פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן הויכע-קוואליטעט האָוזינג אין דער וועלט׳ס גרעסטע האָוזינג קאאפעראטיוו***

גאווערנער קעטי האוקול, ״יו-עס דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ סענאטארקע מארסיע פאדזש, סענאטאר טשארלס שומער, און פארטרעטער דזשאמאל באומען האבן היינט געמאלדן אז ריווערבעי קארפארעישען, דער פארוואלטונג קאָמפּאַני פאר קאָ-אַפּ סיטי, דער ״יו-עס דעפארטמענט פון האוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳, ׳וועלס פארגא׳, דער מאָרטגעדזש אינשורענס פאָנד פון די סטעיט ניו יארק מאָרטגעדזש אגענטור, און NYC האָוזינג אנטוויקלונג קארפאראציע האבן פראצעסירט און באוויליגט קאָ-אַפּ סיטי׳ס ׳דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ הלוואה ווידער-פינאנצירונג. די ווידער-פינאנצירונג וועט אויסהאלטן לאנג-טערמיניגע האָוזינג קוואליטעט און צוגענגליכקייט פאר די צענדליגע טויזנטער איינוואוינער וועלכע רופט קאָ-אַפּ סיטי זייער היים ארט. דאס ווידער-פינאנצירן באזארגט דער האָוזינג קאמפאני מיט 124 מיליאן דאלער וועלכע וועלן געניצט ווערן פאר קאפיטאל פארבעסערונגען, אריינגערעכנט אָפּגרעידס צו די הייצונג, ווענטילאציע און עיר קאנדישען סיסטעם, פאדערזייט אויסהאלטן און עלעקטרישע סיסטעם אָפּגרעידס.

״מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן אנצוהאלטן צוטריט צו זיכערע, הויכע-קוואליטעט האָוזינג וואס ערמעגליכט פאר ניו יארקער צו וואוינען מיט די זעלבסט-עהרע וואס קומט זיך זיי,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער טראנספארמירנדער איינשפריץ פון קאפיטאל פינאנצירונג וועט אונז ערמעגליכן צו מאדערניזירן קאָ-אַפּ סיטי, דער גרעסטער האָוזינג קאאפעראטיוו אין דער וועלט, און פארזיכערן לאנג-טערמיניגע צוגענגליכקייט פאר אירע 45,000 איינוואוינער.״

**יונייטעד סטעיטס ׳דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ סעקרעטאר מארשע על. פאדזש האט געזאגט,** ״מיר אפלאדירן די ערפאלגרייכע פארענדיגונג פון דער ווידער-פינאנצירונג פאר דער בראנקס קאָ-אַפּ סיטי קאמפלעקס. דיביידען-העריס אדמיניסטראציע און HUD זענען אנטשלאסן צו סטאביליזירן דעם האָוזינג מארקעט איבער׳ן גאנצן לאנד ניצנדיג יעדעס מיטל ביי דער האנט, אריינגערעכנט אויסניצן פעדעראלע האָוזינג אדמיניסטראציע מולטי-פאמיליע מאָרטגעדזש אינשורענס אלס א הויפט פינאנצירונג קוואל. פון שטיצן גרעסערע לאָנס אין גרויסע מעטראפאליטען

ערטער ביז קלענערע לאָונס אין רורעל קאמיוניטיס און סאָבורבס, שטאלצירט זיך HUD צו זיין א צוזאמארבעטער אין שאפן און אפהיטן צוגענגליכע האָוזינג איבער׳ן לאנד.״

**סענאטאר טשארלס שומער האט געזאגט,** ״די בראנקס קאָ-אָפּ סיטי גיבט א צוגענגליכע היים צו מער ווי 45,000 ניו יארקער אין א כסדר-שטייגנדע האָוזינג מארקעט. צוליב דעם האב איך געארבעט צו פארשאפן א צייטליכע ווידער-פינאנצירונג אפמאך פאר קאָ-אָפּ סיטי, וועלכס וועט העלפן אויסהאלטן די הויכע-קוואליטעט, שטאנהאפטיגקייט און לאנג-טערמיניגע צוגענגליכקייט פון דער איינס-פון-איר-סארטיגע קאמיוניטי. דער אפמאך וועט אויך פארבעסערן די לעבנס פון די איינוואוינער דורך ערמעגליכן פאררעכטונגען און אנדערע פארבעסערונגען צו ווערן געמאכט, אלץ מיט׳ן צושטעלן צוגענגליכע האָוזינג פאר פילע קומענדיגע דורות. מיר האבן זיך נישט אפגעהאלטן דרוקן און ארבעטן מיט HUD איינצושליסן דער ווידער-פינאנצירונג און מיר שטאלצירן זיך אויסצומעלדן HUD גוטהייסונג.״

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** ״קאָ-אָפּ סיטי איז ווירקליך אן איינס-פון-איר-סארטיגע קאמיוניטי, דער וואוין-ארט פון דער גרעסטער צוגענגליכער קאאפעראטיוו אין אמעריקע און מיט איבער 45,000 מיטגלידער וואס איך האב דעם כבוד צו סערווירן. עס איז העכסט נייטיג אז דער קאָ-אָפּ סיטי קאמיוניטי האט די פינאנצירונג נויטיג אויסצוהאלטן זייער צוגענגליכע האָוזינג און קאמערציעלע ארט, וועלכס שטיצט אלע וועלכע וואוינען דארט. איך שטאלציר מיך צו האבן געארבעט אינאיינעם מיט דעם ׳יו-עס דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ אונטער סעקרעטאר פאדזש׳ס פירערשאפט, מאיאריטעט פירער שומער, און גאווערנער האוקול צו פאראויס-ברענגען א צייטליכע ווידער-פינאנצירונג אפמאך פאר ריווערבעי קארפארעישען, וואס וועט אויפשליסן באדייטנדע קאפיטאל געלטער פאר דרינגענדע פאררעכטונגען. קאָ-אָפּ סיטי איז א גאר גוטעביישפיל פון וואס קאאפעראטיווע האָוזינג קען אויסזען איבער׳ן לאנד און איך קוק ארויס מיט חשק צוצוזען ווי דער לאָון ווידער-פינאנצירונג וועט אנהאלטן ווייטער צו שטיצן דאס מאכן דער קאמיוניטי נאך מער שטאנדהאפטיג, וואוינבאר און צוגענגליך.״

דער איבערגעארבעטער 621.5 מיליאן דאלערדיגער מאָרטגעדזש פון ׳וועלס פארגא׳ ציעט אויס דעם טערמין פון צוגענגליכקייט פאר נאך 10 יאר און שטעלט צו 124 מיליאן דאלער פאר דער קאָ-אָפּ אונטערצונעמען נייטיגע קאפיטאל פאררעכטונגען. קאָ-אָפּ סיטי, מיט 15,372 וואוינונגען, איז דער גרעסטער קאאפעראטיווע האָוזינג אנטוויקלונג אין דער וועלט. דער מאָרטגעדזש אינשורענס פאָנד פון דעם ניו יארק סטעיט מאָרטגעדזש אגענטור, וואס איז א טייל פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, און דער ניו יארק סיטי ׳האָוזינג דעוועלאפמענט קארפארעישען׳, וועט באזארגן קרעדיט שטיצע מיט 55 מיליאן דאלער און 15 מיליאן דאלער פון יעדע באזונדער. די הלוואה אנטהאלט 15 מיליאן דאלער פאר באלדיגע קאפיטאל פאררעכטונגען, אריינגערעכנט אומגעפער 10 מיליאן דאלער פאר באלקאן און פאדערזייט פאררעכטונג, 2.5 מיליאן דאלער פאר ערזעצן איינוואוינער וואסער פאמפס און 2.5 מיליאן דאלער פאר׳ן ערזעצן גאראדזש עלעוועיטערס. די הלוואה אנטהאלט אויך 109 מיליאן דאלער אויף צוריק אנצופילן אן אוועקגעלייגטע אקאונט פאר צוקונפטיגע פאררעכטונגען, אלץ אן הייבן אויסהאלט קאסטן פאר איינוואוינער.

**״יונייטעד סטעיטס דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ ראיאנישע אדמיניסטראטארין פאר ניו יארק און ניו דזשערזי אליקע עמפרי-סעמיועל האט געזאגט,** ״איינע פון HUD׳ס הויפט פריאריטעטן איז דער אפהיט פון צוגענגליכע האָוזינג, און די ווידער-פינאנצירונג פארזיכערט אז קאָ-אָפּ סיטי בלייבט צוגענגליך פאר טויזנטער פאמיליעס. עס איז אויך העכסט-נייטיג אז דער דעוועלאפמענט בלייבט זיכער און איינוואוינער זעצן פאר ווייטער צו וואוינען אין אפדעיט׳עט, הויכע-קוואליטעט יוניטס, ערמעגליכט דורך HUD FHA׳ס איינפלוס פון געלטער. קאָ-אָפּ סיטי פאמיליעס וועלן בענעפיטן פון די פארבעסערונגען און וועלן קענען געניסן פון זייער קאמיוניטי פאר פילע יארן אין דער צוקונפט.״

**האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״איך בין ריזיג שטאלץ פון דער צוזאמארבעט וואס וועט באהיטן צוגענגליכע היים-פארמאגערשאפט ביי קאָ-אַפּ סיטי פאר נאך 35 יאר. אין צוגאב צו האלטן אויסהאלט אפצאל סטאביל פאר איינוואוינער, וועט דער 621.5 מיליאן דאלערדיגע הלוואה פינאנצירן העכסט-נייטיגע קאפיטאל פארריכטונג פראיעקטן צו פארזיכערן אז אלע 15,372 היימען בלייבן זיכער און אפגעהיטן פאר׳ן לאנגן טערמין. דורות פון ניו יארקער האבן גענאסן פון דער מעגליכקייט צו וואוינען צוגענגליך אין דעם שפרודלדיגער און פארשידנארטיגער קאמיוניטי און גלייכצייטיג בויען פארמעגן איבערצולאזן אלס ירושה פאר זייערע קינדער. א דאנק אונזער פריוואטע און פובליק צוזאמארבעטער, וועט קאָ-אַפּ סיטי ווייטער ליפערן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר די בראנקס שוואר-ארבעטנדע פאמיליעס פאר פילע צוקונפטיגע יארן.״

**סטעיט סענאטאר דזשאמאל בעילי האט געזאגט,** ״קאָ-אַפּ סיטי איז דער גרעסטער קאאפעראטיוו דעוועלאפמענט פון איר סארט אין דעם לאנד און איז דער היים ארט פאר איבער 50,000 איינוואוינער, אריינגערעכנט דער לאנד׳ס גרעסטער נאטורליך-געפארעמטער רעטייערמענט קאמיוניטי. אזוי ווי מיר בויען זיך איבער אויף שטערקער נאך אן איבערקערנדע פאנדעמיע, וועט דער באלדיגע איינשפריץ פון 124 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאראויס-ברענגען קריטיש-וויכטיגע קאפיטאל פארבעסערונגען און אינפראסטרוקטור אָפּגרעידס איבער׳ן גאנצן סיסטעם און זיין א טובה פאר טויזנטער פאמיליעס דורך פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט און גלייכצייטיג באשיצן לאנג-טערמיניגע צוגענגליכקייט. איך בין דאנקבאר צו אונזער סטעיט און פעדעראלע צוזאמארבעטער, גאווערנער האוקול סעקרעטאר פאדזש, סענאטאר שומער, קאנגרעסמאן באומען, און ריווערבעי קארפארעישען פאר ארבעטן צו פארשאפן די ווידער-פינאנצירונג אפמאך פאר אונזערע איינוואוינער און צוזאמארבעטער אין פארזיכערן אז קאָ-אַפּ סיטי איז ווייטער א נאציאנאלע מוסטער פאר הויכע-קוואליטעט צוגענגליכע האָוזינג און אן עקאנאמיש און סאציעלע לעבהאפטיגע קאמיוניטי.״

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל בענעדעטא האט געזאגט,** ״דאס איז גרויסע נייעס פאר קאָ-אַפּ סיטי און דער קעש איינפליסונג איז גאר נייטיג און פאר דעם זענען מיר גאר דאנקבאר. א גרויסער דאנק קומט זיך גאווערנער האוקול אין זען דער נויט און געטון די ריכטיגע זאך.״

**וועלס פארגא׳ מולטי פאמיליע קאפיטאל הויפט אלאן ווײַנער האט געזאגט,** ״׳וועלס פארגא׳ פריידט זיך צו האבן נאכאמאל אויסגעשטעלט די לאנג-טערמיניגע פינאנצירונג פאר קאָ-אַפּ סיטי. אונזער אנטשלאסנקייט צו באזארגן לאנג-טערמיניגע פינאנצירונג פאר צוגענגליכע און מעסיגע איינקונפט האָוזינג איז נישט דא קיין שום פארגלייך אין דער אינדוסטריע. מיר ווילן גראטולירן אונזערע ערוויילטע צוזאמארבעטער סענאטאר שומער, קאנגרעסמאן באומען און גאווערנער האוקול, ווי אויך אונזערע אגענטור צוזאמארבעטער ביי HUD, ניו יארק סטעיט, און ניו יארק סיטי וועלכע האבן געארבעט מיט אונז דאס צו ערמעגליכן.״

**NYC ׳האָוזינג דעוועלאפמענט קארפארעישען׳ פרעזידענט עריק ענדערלין האט געזאגט,** ״די ווידער-פינאנצירונג פון קאָ-אַפּ סיטי פארטרעט א קריטיש-וויכטיגער אינוועסטירונג אין אונזער עקזיסטירנדע צוגענגליכע האָוזינג זאפאסן אין א צייט פון דרינגענדע נויט. א דאנק די מיטארבעט פון אונזערע צוזאמארבעטער און ערוויילטע באאמטע, וועט דער אפהיט באמיאונג פארזיכערן אנגעהאלטענע צוגענגליכקייט און ברייטע קאפיטאל פארריכטונגען וועלכע וועלן צושטעלן האָוזינג סטאביליטעט און פארבעסערטע לעבנס-קוואליטעט צו די טויזנטער ניו יארקער וועלכע וואוינען אין דער דינאמישער קאמיוניטי.״

**קאָ-אַפּ סיטי באָורד פרעזידענט בערנארד סיליטש האט געזאגט,** ״דער לאָון וועט אונז ארויסהעלפן אויסהאלטן אונזערע געביידעס און אינפראסטרוקטור און גלייכצייטיג רעדוצירן די נויט פאר אונזערע

איינוואוינער צו צאלן ריזיגע אפצאל העכערונגען. אין נאמען פון דעם באָורד אָוו דירעקטאָרס און איינוואוינער, וויל איך דאנקען אלע רעגירונג אינסטאנצן און ערוויילטע באאמטע וועלכע האבן אונז געשטיצט און געארבעט אינאיינעם צו שליסן דעם לאָון.״

דער 2012 ׳וועלס פארגא׳ מאָרטגעדזש לאָון צו ריווערבעי קארפארעישען, די אייגנטימער פון קאָ-אַפ סיטי, איז געווען דער גרעסטער אינשור׳ירטער לאָון אונטער דער ׳דעפּאַרטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט׳ס׳ טייל 223(f) פראגראם, וועלכס שטיצט אויסבארגער קעגן פארלוסט אויף נישט-געצאלטע מאָרטגעדזש ביי מולטי-פאמיליע פּראָפּערטיס.

קאָ-אַפּ סיטי איז דער וואוין-ארט פאר איבער 45,000 איינוואוינער אויף 320 עיקערס — דער גרעסטער קאָ-אַפּ דעוועלאפמענט אין דעם לאנד. דער ארט האט מערערע סקולס, דריי קאמערציעלע ריטעיל געשעפטן מאָלס, און איר אייגענעם עלעקטרישע קראפט פאבריק. עס האט צוגעשטעלט פאר צענדליגע טויזנטער פאמיליעס די מעגליכקייט אויפצוואקסן אין א סטאבילע מיטל-קלאס קאמיוניטי. די ווידער-פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן אז נאך צענדליגע טויזנטער האבן די זעלבע געלעגנהייט און באזארגט די געלטער צו מאכן קאפיטאל אינוועסטירונגען וועלכע וועלן בענעפיטן איינוואוינער פילע יארן אינ׳ם צוקונפט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418